


# ESCUELA Dr. JAIM ZHITLOVSKY זשיטלאָווסקי־שול

CAMARONES 2551
Buenos Aires

T. E. 59-3594 y 9820


צום
יידישן קולטור-קלוב
<u>אין פארטא-אלעגרע</u>

בוענאס-איירעס, דעם 25-טן אקטאבער 1970

חשובע פריינט!

היינטיקס יאר צייכענען מיר אפ 30 יאר עקזיסטענץ פון אונדזער אינסטיטוציע- פון איר וויכטיקער דערציונגס-ארבעט און ברייטער קולטור-געזעלשאפטלעכער טעטיקייט ארום דער שול פאר דעם אנגעוויזענעם צייט-אפשניט.

אט די יובל-דאטע האבן מיר באשטימט צו פייערן מיט א ברייטן פארנעם, מיט א גאנצער ריי אימ פאזאנטע קולטור-אקטן, וועלכע וועלן אפגעשלאסן ווערן מיט א גרויסן פאלקס-באנקעט, און מיט ארויסגעבן א בולעטין, וואס זאל אפשפיגלען די שעפערישע יארן פון אונדזער טעטיקייט אויפן געביט פון דערציונג- פון קינדערגארטן ביז דער מיטלשול, די טעטיקייט פון קינדער-קלוב, קא-דעטן און יוגנט-קלוב, ווי אויך די קולטור-אויפגאבן צווישן די יונגע עלטערן פון אונדזערע שילער- די, וועלכע האבן אין די לעצטע יארן פאקטיש איבערגענומען די אנפירונג און אויסהאל-טונג פון דער אינסטיטוציע.

מיר ווענדן זיך צו אייך, איר זאלט אונדז צושיקן אייער אנשלוס, וועלכער וועט אריין אין בולעטין, און מיר לאדן איין אייך צו די פייערונגען און ספעציעל צום באנקעט, וועלכער וועט פארקומען שבת, דעם 14-טן נאוועמבער, 21 אזייגער אין זאל פון קולטור-הויז שלום עליכם.

מיט דער זיכערקייט, אז איר זייט גרייט מיטצופייערן אונדזערע דערגרייכונגען- מיט דער צייכענען מיר מיט שולגרוס-

די פארוואלטונג

אייער שריפטלעכן אנשלוס בעטן מיר אייך אונדז
צוצושיקן ביז דעם 14-טן נאוועמבער ה.י.